בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת פנחס און ואתחנן - שבת נחמו, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
**212-444-9191**

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

**ליל שבת קודש פרשת ואתחנן, שבת נחמו, שנת תשפ״א לפרט קטן, נאך די סעודה ביי די באטע, האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט מורא׳דיגע התחזקות געבויעט אויף די וואכעדיגע סדרה איבער דאס גרויסקייט פון ׳תפלה׳ און ׳הפצה׳.**

## פינף הונדערט און פופצן תפילות

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר (דברים ג, כג). זאגט דער הייליגער מדרש (דברים רבה יא, ט): משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל אריינגיין אין ארץ ישראל – פינף הונדערט און פופצן תפילות, אזויפיל וויפיל דאסווארט ׳ואתחנן׳ באטרעפט, האט אים דער אייבערשטער געזאגט (דברים ג, כו): ״רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה״, ווען משה רבינו וואלט וועלט געבעטן נאך אין תפלה, די פינף הונדערט און זעכצנטע תפלה, וואלט ער געקענט אריינגיין קיין ארץ ישראל, נאר דער אייבערשטער האט אים געהייסן אויפהערן מתפלל זיין דערפאר האט ער מער נישט מתפלל געווען.

## מיט תפלה קען מען צעברעכן אפילו א שבועה

דער פסוק לערנט אונז דא מורא׳דיגע התחזקות פאר יעדן איד; דער אייבערשטער האט דאך געשוואוירן מיט א שבועה פאר משה רבינו (עיין במדבר כ, יב; וברש״י שם) אז ער וועט נישט קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל, פון דעסט וועגן דאך זעט מען דא ווען משה רבינו וואלט ווען געבעטן נאך ׳איין תפלה׳ ער זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל וואלט ער מיט זיינע תפילות צעבראכן די גזירה און ער וואלט יא געקענט אריינגיין קיין ארץ ישראל, זעט מען דאס גרויסע כח וואס תפלה האט, אז מיט תפלה קען מען צעברעכן אפילו א ׳שבועה׳ וואס דער אייבערשטער האט געשוואוירן.

## ווילאנג דער אייבערשטער באפעלט נישט מען זאל אויפהערן

דערפאר דארף מען זיך שטארקן אין די זאך פון בעטן דעם אייבערשטן, ווילאנג דער אייבערשטער באפעלט נישט מען זאל אויפהערן מתפלל זיין, דארפן מיר בעטן און בעטן אן א שיעור מאל ביז מיר וועלן אויס׳פועל׳ן די ישועה. אז מען עקשנ׳ט זיך ביים אייבערשטן מיט אסאך תפלה - ווערט מען צום סוף געהאלפן מיט די ערווארטעטע ישועה.

## יעדע זאך האט א פרייז

א מענטש דארף וויסן יעדע זאך וואס ער דארף האט א פרייז וויפיל תפילות מען דארף באצאלן דאס צו באקומען, און אויב ער וועט בעטן דעם צאל תפילות וועט ער זיכער באקומען זיין ישועה!

געוויסע זאכן האבן א ביליגע פרייז און געוויסע זאכן האבן א טייערע פרייז, צום ביישפיל, א מענטש שטייט און ווארט אויף א טרעמפ (היטש) - דאס איז נישט אזוי טייער, מיט עטליכע תפילות וועט דער אייבערשטער אים שיקן איינעם וואס זאל אים נעמען מיט זיך, אדער א מענטש האט עפעס פארלוירן פון זיין טאש, און ער בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל עס שנעל טרעפן, אדער א מענטש וואס איז אונטערוועגנס און וויל עס זאל אויפהערן רעגענען און ער בעט דעם אייבערשטן אז עס זאל אויפהערן צו רעגנען - זענען די זאכן אויך נישט אזוי טייער, מיט ווייניג תפילות וועט דער אייבערשטער נאכגעבן זיין געבעט.

ווידער זענען אבער דא זאכן וואס זענען זייער טייער, ווי א ׳שידוך׳ אדער געהאלפן ווערן מיט ׳קינדער׳ - די זאכן קען זיין צומאל אז עס זאל אויספעלן א ריזיגע צאל פון תפילות; ׳גוטע קינדער׳ - האט שוין בכלל נישט קיין פרייז, ווייל גוטע קינדער האט נישט קיין מאס, עס קען זיין

בעסער און בעסער לויט וויפיל תפילות די עלטערן זענען מתפלל פאר זיי.

## נאך די איינע תפלה

דער עיקר איז נישט אויפצוגעבן, אפילו מען האט שוין געבעטן טויזנטער מאל און נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן, זיי ממשיך ווייטער צו בעטן, ווייל עס קען זיין אז נאך די איינע תפלה וואס דו וועסט מתפלל זיין דאס וועט דערגרייכן צו די צאל תפילות וואס דער אייבערשטער פארלאנג דערויף, און יעצט אז דו האסט זיך אפגעשטעלט פאר די לעצטע תפלה האסטו עס נישט באקומען.

## תפלה איז משנה די טבע

תפלה איז זייער שטארק, מיט תפלה קען מען פועל'ן אלע ישועות, אפילו שלא כדרך הטבע, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תפלה איז משנה די טבע. אז מען בעט אסאך דעם אייבערשטן קען מען פועל'ן אפילו אזעלכע זאכן וואס זענען פארקערט פון די דרך הטבע.

## די גאנצע פלעי איז איין שטיק הפצה

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס איבער די פלעי וואס די תלמידות פון בית פיגא שטעלן פאר, און ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: איך בעט אלע אינגעלייט זאלן איבערגעבן א "יישר כח" פאר זייערע ווייבער פאר'ן אזוי שיין צוהעלפן פאר'ן פלעי, עס איז ממש צו באוואונדערן צו זען ווי אזויפיל פרויען העלפן ארויס מיט וואס מען קען פאר די הצלחה פון די פלעי.

די גאנצע פלעי איז איין שטיק הפצה, ווייל נישט יעדער הערט 'קול ברסלב', און נישט יעדער לייענט די קונטרסים, עס זענען דא פרויען וואס

זאגן 'מיר זענען נישט פון די פרויען "רביצינ'ס", וואס גייען שוין מיט די טלית ארום זיך...' מיר ליינען נישט די אלע ספרים און קונטרסים, אבער א פלעי איז יא געמאכט פאר זיי, א פלעי קוקן אלע, אז זיי וועלן זען דעם פלעי וועלן זיי אויך געוואויר ווערן פון די שיינע זיסע עצות פון רבי'ן, און קען זיין אז דורכדעם וועט דערנאך מקורב ווערן זייער גאנצע משפחה.

## צו העלפן דעם רבי'ן איז זייער א גרויסע זכיה

עס זענען דא בחורים וואס זאגן "מיר זענען גרייט צו העלפן וואס עס פעלט אויס פאר די מוסדות, מען זאל מיר בעטן - וועל איך העלפן", זאג איך זיי, אז דא בעט מען נישט צו העלפן, צו העלפן דעם רבי'ן איז זייער א גרויסע זכיה, די אלע וואס העלפן אין די מוסדות וכדומה אלע האבן זיך אליינס אנגעטראגן צו העלפן, קיינער האט זיי נישט געבעטן צו העלפן.

## די ברסלב'ע זענען יא נארמאלע מענטשן...

אויך איז א גרויסע הפצה ווען די תלמידות גייען ארום אין קאנטריס טיילן די איינלייידענונגען צום פלעי. ווייל עס איז דא א גרויסע לשון הרע אויפ'ן רבי'ן, מען טראכט און זאגט אלע סארט ליגנט אויפ'ן רבי'ן און רבי'נס תלמידים, אבער ווען מען זעט ווי נארמאלע מיידלעך קומען טיילן די צעטלעך, זעען זיי אז עס איז סתם א ליגנט וואס מען זאגט אויף ברסלב, די ברסלב'ע זענען יא נארמאלע מענטשן...

## די זעלבע הויז ווי ענק וואס מען לאזט נישט אריינקומען...

יעצט זומער קומען אסאך מאל מענטשן וואס ווילן אין די קאנטריס ארום די שטעטל, און בעטן זיי ווילן קוקן אונזערע הייזער, זיי ווילן

זען ווי אזוי די ברסלב'ע מענטשן וואוינען... ענטפערט מען: "מיר לאזן קיינעם נישט אריין צו אונז אין שטוב, מיר האבן די זעלבע הויז ווי ענק וואס מען לאזט נישט אריינקומען..."

## א איינשפריץ זיך אויסצוהיילן דערפון...

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: עס זענען דא פרויען וואס האבן פארדרייטע מחשבות אין קאפ, כאילו 'עס זענען דא עכטע תלמידות און זיי זענען נישט פון די עכטע תלמידות וכו'', די אלע סארט מחשבות זענען נאריש אפילו דאס צו טראכטן. פארגאנגענע וואך האבן צוויי פרויען זיך געקריגט איבער עפעס א נושא און ביים שיעור וואס מען האט געגעבן פאר די פרויען איז אויסגעקומען אזוי ווי איינע זיי צוויי, איז די אנדערע פרוי געווארן אינגאנצן באליידיגט אז דער ראש ישיבה נעמט זיך אן פאר די אנדערע פרוי... אין די צייט וואס דער שיעור האב איך בכלל נישט געגעבן יענע וואך, איך בין נישט אנגעקומען צו געבן א נייע שיעור האב איך געבעטן ... נרו יאיר ער זאל אויפשפילן פאר די פרויען א שיעור פון פאריאר...

די אלע וואס טראכטן די סארט מחשבות דארפן נעמען א איינשפריץ זיך אויסצוהיילן דערפון... זיי זאלן אפלאזן די מחשבות; עס איז נישט דא קיין 'עכטע' און 'נישט עכטע' תלמידים און תלמידות, מיר אלע קומען צום רבי'ן, און מיר גלייבן און פאלגן וואס דער רבי זאגט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת פנחס, מברכים חודש מנחם אב, שנת תשפ"א לפרט קטן, פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, סימנים: תשעז, תשעח, תשעט, תשפ, תשפא.

## סִימָן תשעז

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואלְט גֶעוֶוען גָאר אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָנְצוּצֵייכֶענֶען אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה וָואס דֶער דִין אִיז הַלָכָה לְמַעֲשֶׂה, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' פֶעלְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

## שכל פון צדיקים

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מוהרא"ש זכותו יגן עלינו איז מסביר (עיין אשר בנחל מכתב לו אלפים קצ), וואס פאר א שייכות האט ליקוטי מוהר"ן מיט הלכה, דער ספר ליקוטי מוהר"ן רעדט דאך נישט פון הלכה?! נאר ווען מען איז זוכה צו לערנען אסאך דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן איז מען זוכה צו באקומען א קלארע און לויטערע כח המדמה צו וויסן וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון, ווייל דער רבי געבט אונז א ריינעם כֹּחַ הַמְדַמֶּה, דערפאר איינמאל עס איז דא דער ספר ליקוטי מוהר"ן פעלט שוין נישט אויס צו מאכן דעם ספר וואס זאל אנצייכענען אויף יעדע הלכה וואס דער דין איז.

אן דעם שכל פון א צדיק ווייסט מען נישט ווי אזוי זיך צו פירן, וואו מען קען יא מקיל זיין און וואו נישט; ווייל דער רבי האט דאך געזאגט (עיין חיי מוהר"ן סימן תמד; פעולת הצדיק סימן תקלו) אז מען קען זיך פארלאזן אפילו אויף איין פוסק, אבער מען דארף אסאך לערנען דעם רבי'נס ספרים

אויסצוקלארן דעם מח צו קענען וויסן וואס איז נישט וויכטיג און מען קען זיך טאקע דערביי פארלאזן אויף איין פוסק און וואס איז יא וויכטיג און דערביי זאל מען מחמיר זיין און זיך נישט פארלאזן אויף איין פוסק; צום ביישפיל, די זאך פון אנגרייט 'נעגל וואסער', אז מען זאל חלילה נישט אראפגיין פון בעט איידער מען האט זיך אפגעגאסן די הענט, וואס על פי הלכה וואלט מען אפשר געקענט טרעפן פוסקים וואס זענען מיקל צו גיין ביז פיר איילן אן נעגל וואסער, אבער צדיקים האבן אנדערש געזאגט, דער הייליגער רבי ר' זושא פון האניפאלי זכותו יגן עלינו האט מקבל געווען פון זיין רבי דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו וואס ער האט דאס מקבל געווען פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו אז מען טאר נישט אראפטרעטן פון בעט בעפאר מען גיסט זיך אפ נעגל וואסער, און ווער עס גייט אראפ פון בעט אן נעגל וואסער אויף אים איז געזאגט געווארן דעם פסוק (תהלים לו, ה): "יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס", דאס שלעכטס וועט אים נאכלויפן א גאנצן טאג (אגרא דפרקא, אות ט); קומט אויס אז ווען מען גייט ווען נאר מיט די כְּלָלֵי הַלָכָה וואלט מען ווען אפשר געקענט מיקל זיין, אבער אז מען האט די שכל פון צדיקים, מען גלייבט אין צדיקים איז מען גאר שטארק מחמיר דערין, ווייל זיי האבן געזאגט אז דאס איז דער יסוד אין אידישקייט.

און אזוי איז עס מיט נאך אסאך זאכן וואס אן דעם צדיק ווייסט מען נישט וואס צו טון; אבער אז מען איז זוכה צו לערנען אסאך דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן איז מען זוכה צו באקומען א קלארע און לויטערע כח המדמה צו וויסן וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון.

(בְּאֱמֶת צוּ שְׁרַייבְּן חִידוּשִׁים אוֹיף גְּמָרָא, רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת אִיז גְּרִינְגֶער, וֶוער עֶס קֶען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן דִי שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן - אִיז דָאס זֵייעֶר גְרִינְג, אָבֶער צוּ קֶענֶען אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דָא פַּאר אוּנְז פְּשׁוּטְ'עֶ

מֶענְטְשְׁן הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת פוּן אֱלֹקוּת, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ בַּעַל מַדְרֵיגָה, אַ בַּעַל הַשָּׂגָה, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל שֵׂכֶל).

## סִימָן תשעח

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז זַיין הֵיילִיג סֵפֶר, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר דִי וֶועלְט, אִיז אַן 'אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה', דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דֶער גְאוּלָה. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וִויבַּאלְד דֶער סֵפֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר דִי וֶועלְט וִויל אִיךְ זֵייעֶר מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען; מֶען דַארְף דָאס לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ בִּיז מֶען וֶועט דָאס שׁוֹין קֶענֶען אוֹיף אוֹיסֶעןֶנווייניג, וַוייל עֶס אִיז פוּל מִיט מוּסָר אוּן הִתְעוֹרְרוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט שַׁאצְן אִיר וֶוערְד!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אַ שִׁיעוּר פָּשׁוּט, וִוי מֶען לֶערְנְט עֶס זֵייעֶר שְׁנֶעל, כְּדֵי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיפְ'ן לָשׁוֹן אוֹיף אוֹיסֶעןֶנווייניג, אוּן אַ צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאל מֶען עֶס לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, וַוייל עֶס אִיז דָא גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע טִיפְקֵייט דֶערִין.

## סִימָן תשעט

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען זֵייעֶר פַארְשְׁטֶעלְן אוּן פַארְדֶעקְן דִי אוֹיגְן, וָואס וֶוען נִישְׁט דָאס וָואלְט דֶער סֵפֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "דֶער בַּעַל-דָּבָר קֶען זֵייעֶר פַארְשְׁטֶעלְן, אָבֶער זוּנְסְט [אָן אִים] וָואלְט דָאס סֵפֶר מְחוּיָּב גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶען בְּרָאךְ צוּ טָאהן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

# סִימָן תשפ

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין הֵיילִיג סֵפֶר זָאל פַארְשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶס וֶועלְן זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶעֶנֶען". נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּ קוֹיפְן זַיין סֵפֶר, אוּן אוֹיב הָאט עֶר נִישְׁט דָאס גֶעלְט עֶס צוּ קוֹיפְן זָאל עֶר פַארְקוֹיפְן זַיינֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אוּן קוֹיפְן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר, אוּן אוֹיב עֶר הָאט נִישְׁט קַיין סְפָרִים זָאל עֶר פַארְקוֹיפְן זַיין קִישְׁן מִיט וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוּן קוֹיפְן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז זַיין סֵפֶר וֶועט זַיין זֵייעֶר חָשׁוּב אִין דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט עֶס זֵייעֶר זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען, עֶס וֶועט גֶעדְרוּקְט וֶוערְן גָאר אַסַאךְ מָאל אוּן עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר חָשׁוּב.

[שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הָגָּה אוֹת ג): גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיז דֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מָאל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה עֶס אִיבֶּער צוּ דְרוּקְן - אִין יָאר תשל"ו, אַ דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל, מִיט אַ הֶערְלִיכֶע שֵׁיינְקֵייט, מִיט שֵׁיינֶע פַּאפִּיר וְכוּ', אוּן אַזוֹי זָאל מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיךְ זָאל עֶס נָאךְ קֶענֶען אִיבֶּער דְרוּקְן נָאךְ אַסַאךְ מָאל בַּיי מַיין לֶעבְּן, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן עֶס אוֹיךְ דְרוּקְן אוּן דְרוּקְן. בַּיי וֶועמֶען עֶס בְּרֶענְט דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט, זָאל זֶען צוּ דְרוּקְן דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן. אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רְשׁוּת צוּ אַסְרְ'ן דָאס דְרוּקְן דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אַדְרַבָּה אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט

גֶעוָוארְן "יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר", אוּן וֶוער עֶס קֶען עֶס דְרוּקְן אוּן פַּארְקוֹיפְן פַאר דִי בִּילִיגְסְטֶע פְּרַייזְן, אַז דָאס זָאל קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייט וֶוערְן צְוִוישְׁן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה; עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר גַאנְץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן].

אִיךְ וִויל דָאס צוּזֶען, אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט אוּן זִיךְ צוּקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶס וֶוערְט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז עֶס וֶועט זַיין אַסַאךְ פֵּרוּשִׁים אוֹיף זַיין סֵפֶר, מֶען וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר בְּעִיּוּן אוּן מֶען וֶועט זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין דֶערִין אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זֶענֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל אִין גְמָרָא, רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, אוּן עֶס וֶועט זַיין פֵּרוּשִׁים אוֹיף זַיין סֵפֶר סַיי אוֹיף צוּם פַארְשְׁטֵיין דָאס פָּשׁוּט'עֶ פְּשַׁט אוּן סַיי אוֹיף אַ וֶועג עֶס מַסְבִּיר צוּ זַיין מִיט טִיפֶע קַשְׁיוֹת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס וֶועט מַסְבִּיר זַיין כַּוָונָה אוּן זַיינֶע וֶועגְן.

[שְׁרַייבְּט מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הָגָה אוֹת ד): בָּרוּךְ הַשֵּׁם, קַיין אֵיין וָוארְט פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקֶערְט לֵיידִיג, מִיט לוֹיב צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס יָאר, שְׁנַת תשל"ח, גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן דֶער לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן צוּם זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיגְסְטְן מָאל, מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער פֵּרוּשׁ "שִׂפְתֵי הַנַּחַל", וָואס דִי וֶועלְט הָאט נָאכְגִישְׁט גֶעהַאט אַזָאנְס. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן עֶטְלִיכֶע חֲלָקִים פוּן דִי סְפָרִים שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס זֶענֶען מַסְבִּיר דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אוּן דְרָכִים].

## סִימָן תשפא.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שִׂיחָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט, אַז מֶען וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן מֶען שְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע סְפָרִים "בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר פְּלוֹנִי וּפְלוֹנִי", אַזוֹי וְוי מֶען שְׁרַייבְּט אוֹיף מְחַבְּרֵי סְפָרִים וָואס הָאבְּן מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַסַאךְ סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמִיט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן אִים אַסַאךְ סְפָרִים.

[שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הָגָה אוֹת ה) : מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיז דָאס שׁוֹין אַבִּיסְל מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אַז עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן דֶער לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת פוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, וָואס זֶענֶען שׁוֹין פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אוּן הָאט בַּאלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט ; מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע עֶקְן וֶועלְט, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בְּמֶשֶׁךְ פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, זֶענֶען דוּרְכְדֶעם נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס אִיז אַלֶעס אוֹיסֶער דִי סְפָרִים פוּן זַיין הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען מְפָרֵשׁ אוּן מַסְבִּיר דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וַוייל אִים הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן סְפָרִים פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וְכוּ' וְכוּ' אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בִּיז יֶעצְט אוּם יָאר תשל"ח, וָואס דֶער רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט צֶעשְׁפְּרֵייט זַיין לִיכְטִיגְקֵייט צְוִוישְׁן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט נֵייעֶ סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹיעֶט אוּן מְיֻסָּד אוֹיף זַיין הֵיילִיגְן דַעַת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער צוּם אוּנְזֶער טַאטֶען אִין הִימְל, מִיט הִתְחַזְּקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּם גּוֹאֵל צֶדֶק וָואס וֶועט מְגַלֶּה אוּן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט אוּן לִימוּדִים בִּשְׁלֵמוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּנוּ].

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

# שבת קודש פרשת ואתחנן, שבת נחמו, שנת תשפ"א לפרט קטן אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק; צוגעענדיגט סימן תשצב, און אויך געלערנט סימן תשצג.

## הֶמְשֵׁךְ סִימָן תשצב

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶע'מוּסָר'ט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי זָאלְן זִינְגֶען אַסַאךְ זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס זִיצְן בַּיים טִישׁ און ווילְן נִישְׁט זִינְגֶען, נָאר זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, און פִירְן אַלֶע סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל דֶער עִיקָר אוּם שַׁבָּת אִיז דָאס שִׂמְחָה.

און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, און זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת, און דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמָה. און דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה [אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יט] וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּמִימוּת און דָאס זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חֲקִירוֹת וְכוּ'. און דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לָאזְט אָפּ דִי פָּשׁוּטְ'ע עֲבוֹדוֹת פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, און זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת און בַּקָשׁוֹת וְכוּ' וְכוּ' – קוּמְט מֶען צוּם סוֹף אָן צוּ חֲקִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, וַוייל דָאס עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז זַיין אַ 'תָּם וְיָשָׁר וִירֵא אֱלֹקִים'.

## דער יסוד פון א אידישע שטוב

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: דו ווילסט דיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן? דאן זאלסטו זינגען זמירות, א שטוב

וואו מען זינגט זמירות לשבת - וואקסן די קינדער אויף ערליכע אידן!

געוויסע מענטשן מיינען אז די שבת'דיגע סעודה איז סתם נאך א לאנטש אדער א דינער בלע"ז, אבער עס איז נישט אזוי, א שבת'דיגע סעודה איז דער יסוד פון א אידישע שטוב.

און דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מְקַנֵא דֶעם רֶבִּי יוֹסְל, וָואס אִיז דֶער אֵיידֶעם פוּן רֶבִּי יַעֲקֹב, וַוייל עֶר קֶען זָאגְן אַסַאךְ!" [אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶר איד, מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי יוֹסְל, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג גָאר אַסַאךְ תְּהִלִים, תְּחִנוֹת, בַּקָשׁוֹת און מַעֲמָדוֹת וְכוּ'. אַ גַאנְצְן טָאג הָאט עֶר נָאר גֶעזָאגְט און גֶעזָאגְט וָואס אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הֶענְט: חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, עַיִן יַעֲקֹב וְכוּ'. און דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט זַיין תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת]. און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת און אֱמוּנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז פְּשִׁיטוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ הֶעכֶער פוּן אַלֶעם און אִיז פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת.

און דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּמִימוּת און אֱמוּנָה בִּפְשִׁיטוּת, נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קַיין חֲקִירוֹת, און נִישְׁט אַרַיינְצוּקוּקְן אִין דִי סְפָרִים פוּן חֲקִירָה, נָאר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס אָן שׁוּם חֲקִירוֹת. [דֶער רֶבִּי הָאט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִין דֶעם שִׂיחָה, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לב) עַיֵין שָׁם]. און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט: בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, און דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת און חֲקִירוֹת, נָאר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן און פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

## א גוטער חבר

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: א מענטש מוז זיך דרייען מיט גוטע חברים. איז ווי אזוי קען מען וויסן אויף א מענטש צי ער איז א גוטער חבר אדער חס ושלום נישט א גוטער חבר? מען קוקט אויף זיין תמימות אין אמונה אינעם אייבערשטן און אין צדיקים; מען קוקט נישט אויף די מעשים פונעם מענטש, אפילו אויב דער מענטש פירט זיך נאכנישט אויף ווי אזוי עס דארף צו זיין, ער פאלט נעבעך אראפ אין עבירות רחמנא לצלן, זאלסטו וויסן אז דאס האט גארנישט מיט דיר, דאס מאכט גארנישט אויס פאר דיר; אזוי איז געווען ביי אלע צדיקים אז עס זענען געקומען צו זיי מענטשן וואס האבן געדארפט פאררעכטן זייערע מעשים, און אזוי איז אויך געווען ביים רבי'ן, מענטשן וואס זענען געליגן אין שלעכטע זאכן השם ישמרינו זענען געקומען זיך פאררעכטן ביים צדיק, מען האט זיי מקרב געווען און זיכער נישט דערווייטערט חס ושלום, אבער דאס אלעס איז ווייל זיי זענען געקומען מיט תמימות, מיט אמונה. דערפאר ווילאנג איינער איז ריין פון ליצנות וכדומה, ער האט אמונה אינעם אייבערשטן און אין צדיקים - זאלסטו זיך חבר'ן מיט אים, ווייל דאס איז א גוטער חבר. ווידעראום א צווייטער - זאל ער אפילו זיין א תלמיד חכם וכדומה, אבער אויב מאכט ער צומאל ליצנות פונעם אייבערשטן, פון צדיקים, אדער פון א מנהג, אדער פון אן הלכה וכדומה, פון אזא מענטש זאלסטו אנטלויפן, ווייל דאס איז א שלעכטער חבר.

[שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הָגָּה אוֹת כ): דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט בִּיז צוּם עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אוּן דַאן גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוּבלְ'ן אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען. אוּן בֶּאֱמֶת הָאט דֶער רֶבִּי פוּן דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעצוֹיגְן פוּן לֶעמְבֶּערְג אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן 'אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה', פוּן 'רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' אוּן פוּן 'זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן

פון אַלֶע עֶרְלֵיי כּוֹפְרִים און אֶפִּיקוֹרְסִים, און פון סִפְרֵי חֲקִירוֹת, אֲפִילוּ פון דִי וָואס גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן׳. און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אִיסוּר צוּ לֶערְנֶען אִין דִי סְפָרִים פון חֲקִירוֹת. אִין דֶעם עִנְיָן פון אֱמוּנָה גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אָפּ קַיין כָּבוֹד, זָאל עֶר זַיין וֶוער עֶר זָאל נָאר זַיין, אוֹיבּ רִירְט עֶר אָן אִין דִי נְקוּדָה פון דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת – דַארְף מֶען אִים דֶערְוַוייטֶערְן מִיט אַלֶע מִינֵי דֶערְוַוייטערוּנְגֶען. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי פון דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט גָאר אַסַאךְ פוּנֶעם שִׂמְחָה, מֶען זָאל טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַבִּי צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה און תְּפִלָּה זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן].

סימן תשצג

נָאךְ שַׁבָּת, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ וָואגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט רֶבִּי נָתָן און נָאךְ עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פָארְנְדִיג צוּ אַ פֶעלְד, צוּ גֵיין דָארְט שְׁפַּאצִירְן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע פֶעלְד הָאט רֶבִּי בַּאפוֹילְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי פֶערְד און אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען פון דִי וָואגְן. און דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אִינֶעם וָואגְן, און אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם דֶעם רֶבִּי׳ן. אִינְמִיטְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי זְמַן פון דַאוֶונֶען מִנְחָה, און זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעוָואלְט דַאוֶונֶען מִנְחָה – הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דֶעם מַאֲמָר [פון לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יא]: ״דַע, כְּשֶׁאָדָם מִתְפַּלֵּל בְּשָׂדֶה וְכוּ׳״, עַיֵּין שָׁם. און דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט: ״אַזוֹי וִוי אִיר שְׁטֵייט אַרוּם מִיר, אַזוֹי זֶע אִיךְ אַלֶע גְרָאז, וִוי יֶעדֶע גְרָאז שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער פון עֶנְק, ווִילְנְדִיג מִיטְגֵיין מִיט עֶנְקֶערֶע תְּפִילוֹת״. און דֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּנֶעם וָואגְן און מֶען הָאט דָארְט גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה. נָאכ׳ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פון דֶעם עִנְיָן פון תְּפִלָּה און הִתְבּוֹדְדוּת, און בִּפְרַט אַז מֶען גֵייט צוּ אַ פֶעלְד, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער אַז דִי הִתְבּוֹדְדוּת

זָאל זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט בַּיי אַ פְּלַאץ וואו עֶס אִיז דָא גְרָאז, וַוייל דִי גְרָאז הֶעלְפְט צוּ אַז דָאס הָארֶץ זָאל וֶוערְן נִתְעוֹרֵר. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְבֵּיי אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "זִיכֶער זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ רוּף זֵיי 'פְּלִיטִים' - דֶערְשְׁרָאקֶענֶע צֶעמִישְׁטֶע מֶענְטְשְׁן; וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען אוּן וֶועט זֵיי רוּפְן, וֶועלְן זֵיי זַיין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אָבֶּער מִיר וֶועלְן זַיין אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ נָאךְ אַ שְׁלָאף, וָואס זַיין דַּעַת אִיז רוּאִיג אוּן שְׁטַארְק מְיֻשָּׁב - אַזוֹי וֶועט זַיין אוּנְזֶער דַּעַת, רוּאִיג אוּן מְיֻשָּׁב אָן קַיין טוּמְל אוּן צֶעמִישֶׁענִישׁ". דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט.

### איך וויל דיר נאכגיין

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס הערט מען בחוש, א מענטש וואס לעבט אן התבודדות לעבט זייער צעמישט און דערשראקן, מען הערט מענטשן שמועסן איינער מיט'ן צווייטן: "ווען משיח וועט קומען וועל איך זיין אזוי פארלוירן און דערשראקן, איך וויל דיר נאכגיין, וואו דו וועסט גיין וועל איך מיטגיין..." ווייל אז מען לעבט א לעבן אן התבודדות, אן רעדן צום אייבערשטן, לעבט מען א לעבן ארומגענומען מיט שרעק און צעמישעניש, אבער ווער עס מאכט יעדן טאג התבודדות, ער לעבט מיט'ן אייבערשטן, דער ווערט קיינמאל נישט צעמישט און צעטומלט, נאר ער איז שטענדיג רואיג, אזוי ווי א מענטש נאך א שלאף, וואס איז רואיג און מיושב אן קיין טומל און צעמישעניש, אזוי איז זיין דעת, רואיג און מיושב אן קיין טומל און צעמישעניש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.